





# געצוואונגענע ארבעט איז א פארברעכן

## הילף פאר וויקטימס פון מענטשליכע טראפיקינג

**WE ARE YOUR DOL**

NEW YORK STATE | Department of Labor

## סערוויסעס אוועילעבל פאר טראפיקינג וויקטימס

DOL קען העלפן וויקטימס פון מענטשליכע טראפיקינג, אפגעזען פון אימיגראציע סטאטוס, דורך צושטעלן פארשידענע סערוויסעס אדער רעפערעלס פאר קאמיוניטי ארגאניזאציעס.

אוועילעבל סערוויסעס רעכענען אריין:

- עמערדזשענסי צייטווייליגע האוזינג
- עסנווארג און אנדערע אלגעמיינע געברויכן
- צוריקבאקומען אומבאצאלטע געהאלט
- ארבעט פעאיגקייט טרענירונג און פלאצירונג
- אימיגראציע און לעגאלע הילף
- הילף מיט אויפשטעלן א פערמענאנטע וואוינארט אין די פאראייניגטע שטאטן
- גייסטישע און פיזישע געזונטהייט סערוויסעס
- קאונסעלינג
- הילף מיט באקומען צוטריט צו פעדעראלע און סטעיט פובליק בענעפיטן
- איבערזעצונג און דאלמעטשונג
- קרימינאלע און/אדער ציווילע שריט אנטקעגן דעם טראפיקער



צו באריכטן פארדעכטיגטע פעלער פון מענטשליכע טראפיקינג, רופט:

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר אפטיילונג פון איינקלאנג און עדיוקעישאן (פארדעם באקאנט אלס אפטיילונג פון אימיגראנטן פאליסיס און אנגעלעגנהייטן)**

טעלעפאן: 877-466-9757

אימעיל: trafficking@labor.ny.gov

וועבזייטל: www.labor.ny.gov/immigrants

**נאציאנאלע מענטשליכע טראפיקינג ריסאורס צענטער**

טעלעפאן: 888-373-7888

**נאך הילפסמיטלען:**

**פאלעריס פראיעקט**: www.polarisproject.org

**אין אן עמערדזשענסי, רופט 911 *זאפארט*.**

**WE ARE YOUR DOL**

NEW YORK STATE | Department of Labor

@nyslabor | www.labor.ny.gov

**1-888-469-7365**

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן איינציגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויט'ן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.

P744 Y (02/24)

## וואס איז געצוואונגענע ארבעט?

געצוואונגענע ארבעט, אויך באקאנט אלס "מענטשליכע טראפיקינג," איז אן ערנסטע פארברעך. מענטשן וואס ווערן געטראפיקט ווייסן מעגליך נישט אז וואס עס פאסירט צו זיי איז אומלעגאל און אז הילף איז אוועילעבל. **ארבעט טראפיקינג פאסירט ווען א מענטש נוצט מאכט, שווינדל אדער דראאונג צו צווינגען אן אנדערן צו ארבעטן אנטקעגן זייער ווילן.**

**מאכט:** דראאונגען פון פיזישע געוואלדטאטן, אדער ווירקליכע פיזישע געוואלדטאטן, אנטקעגן אן ארבעטער אדער זיין פאמיליע.

**שווינדל:** א פאלשע צוזאג וואס דער טראפיקער האט נישט קיין שום כוונה פון אויספירן, אזוי ווי צוזאגן א גרין קארטל אדער געלט.

**דראאונגען:** א דראאונג געמאכט צו צווינגען איינעם צו ארבעטן, אזוי ווי א דראאונג צו רופן אימיגראציע אדער די פאליציי און זיי פאלשערהייט באשולדיגן פון א פארברעכן, אדער פאלשערהייט דערקלערן אז אן אינדיווידועל דארף ארבעטן צו אפצאלן א חוב.

טראפיקער נוצן א געמיש פון **שרעק, דראאונגען, אביוז, און פסיכאלאגישע טאקטיקן** צו קאנטראלירן וויקטימס, אזוי ווי:

**עמאציאנעלע אביוז:** פארשעמען דעם ארבעטער פארנט פון אנדערע, רופן נעמען, מאכן דעם וויקטים שפירן שולדיג און זיי באשולדיגן פאר די אומשטענדן. טראפיקער קענען אויך אויסנוצן זייער פריווילעגיע באזירט אויף דזשענדער, עלטער אדער אפשטאם צו צייגן העכערקייט. פארקערט, קענען טראפיקער אויך מעגליך קאמפלימענטן דעם ארבעטער, זיי זאגן אז זיי פארלאזן זיך אויף זיי, אדער זאגן פאר דעם ארבעטער אז זיי זענען די איינציגסטע וואס געבט זיך אפ מיט זיי אדער וואס וועט זיי געבן ארבעט כדי זיי זאלן שפירן דאנקבאר צום טראפיקער.

**אפגעזונדערקייט און קאנטראל:** טראפיקער קענען זאגן פארן ארבעטער אז זיי זאלן נישט רעדן צו קיינעם אנדערש, נאכקוקן נאכאנאנד דעם ארבעטער דורכן טעלעפאן אדער קאמערע, אדער צייגן געווער און נוצן צוטריט צו געזעץ אינפארסירער צו דערשרעקן. טראפיקער קענען אויך צוימען דעם ארבעטער'ס צוטריט צו געלט צו שאפן געטריישאפט דורך באצאלן זייער זעלטן, זייער ווייניג, אדער בכלל נישט.

## אידענטיפיצירן מעגליכע טראפיקינג

מענטשליכע טראפיקינג קען פאסירן אין פילע אינדוסטריעס, אריינגערעכנט:

- פאבריקן, אזוי ווי קליידונג פאבריקן
- פארמס אדער לענדסקעיפינג
- בויעריי
- פריוואטע הייזער (צום ביישפיל, נעניס און הויז ארבעטער)
- רעסטאראנטס, בארס, האטעלן אדער אנדערע סערוויס אינדוסטריעס
- סטריפ קלאבס, גאס פראסטיטושן, פאלשע מאסאזש פארלארס, באגלייטונג סערוויסעס, בראטעלס, א.ד.ג.

א מענטש קען זיין א וויקטים פון מענטשליכע טראפיקינג אויב ער אדער זי:

- קען זיך נישט באוועגן פרייערהייט
- האט נישט קיין קאנטראל פון זייער אייגענעם אידענטיפיקאציע דאקומענטן אדער געלט
- ווערט נישט באצאלט אדער ווערט באצאלט זייער ווייניג
- ארבעט אומגעוועונליכע לאנגע שעות
- איז שולדיג א גרויסע אדער פארגרעסערטע חוב
- וואוינט אדער ארבעט אין א פלאץ מיט אומגעוועונליכע הויכע זיכערהייט אדער פילע קאמערעס
- איז אומגעוועונליך אומרואיג, דערשראקן, נאכגעביג, דעפרעסט, נערוועז אדער אנגעצויגן
- האט אומערקלערטע וואונדן אדער צייכענעס פון א פארלענגערטע אדער אומבאהאנדלטע קראנקהייט אדער קרענק
- ווייזט צייכענעס פון פיזישע אדער געשלעכטליכע אביוז, פיזישע צוימונג, איינשפארונג אדער פייניגונג

## ניו יארק סטעיט אפטיילונג אוו לעיבאר'ס ראלע אין העלפן וויקטימס פון מענטשליכע טראפיקינג

די דעפארטמענט אוו לעיבאר האט די אויטאריטעט צו אננעמען קלאגעס און אויספירן אויספארשונגען פון פארברעכנס פון ניו יארק לעיבאר געזעץ, אזוי ווי מינימאלע געהאלט, אוווערטיים, אומבאצאלטע געהאלט און אומלעגאלע דעדאקשנס. די דעפארטמענט אוו לעיבאר אויספארשער האבן די אויטאריטעט צו אריינגיין און אונטערזוכן ביזנעסער, אויספרעגן ארבעטער, און איבערגיין פעיראל רעקארדס. די דעפארטמענט אוו לעיבאר איינגעשטעלטע זענען טרענירט צו אידענטיפיצירן מעגליכע טראפיקינג. די אפטיילונג פון אימיגראנטן פאליסיס און אנגעלעגנהייטן קאארדינירן דעם דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס אנטי-מענטשליכע טראפיקינג באמיאונגען אריינגערעכנט:

- צושטעלן רעפערעלס צו דעם ניו יארק אפרוף צו מענטשליכע טראפיקינג פראגראם
- צושטעלן סערטיפיקעטס פאר U אדער T וויזעס פאר בארעכטיגטע וויקטימס פון געוויסע ערנסטע קוואליפיצירטע פארברעכן, אריינגערעכנט מענטשליכע טראפיקינג
- פארמערן אלגעמיינע וויסנשאפט דורך קאמיוניטי און ביזנעס אוטריטש אויפטריטן

אויב איר זענט אינטערעסירט אין איינע פון אונזערע סערוויסעס, ביטע רופט דעם אפטיילונג פון איינקלאנג און עדיוקעישאן (פארדעם באקאנט אלס אפטיילונג פון אימיגראנט פאליסיס און אנגעלעגנהייטן) אויף **877-466-9757** אדער דורך אימעיל **trafficking@labor.ny.gov**.

